# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת תצוה, ט"ו אדר א', שנת תשפ"ד לפ"ק
שנה 13, גליון 21 (640)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:21
מוצאי שב"ק.....................6:53

**שיעורים כסדרן**
נ"ך............ דברי הימים א י –יא
בבלי.................. בבא קמא קי"ד
ירושלמי.................... שבת ע"ג
תוספתא........................ גיטין א'
רמב"ם........................ שחיטה י'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעפָארְן מִיט אַ בַּעַל-עֲגָלָה אוֹיף אַן אוֹיסְגֶעשְׁנִיטֶענֶעם וֶועג צְוִוישְׁן דִי וֶועלְדֶער, פְּלוּצְלִינְג הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶער פַּארְקֶער פוּן וֶועגֶענֶער, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט פָּארְן וַוייטֶער, זֶעט אוֹיס אַ פֶערְד הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אָדֶער גֶע'פְּגֶר'ט, דֶערִיבֶּער הָאט יֶעדֶער גֶעדַארְפְט וַוארְטְן ווִילַאנְג מֶען וֶועט אַוֶועק שְׁלֶעפְּן דֶעם טוֹיטְן פֶערְד, אָדֶער אִים אוֹיפְהֵייבְּן אוּן לֵייגְן אִין דִי זַייט, דֶעם רֶבִּינְ'ס בַּעַל-עֲגָלָה אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גֶעשִׁיקְטֶער אוּן אַ גוּט גֶעלֶערְנְטֶער דְרַייוֶוער, הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט אַלֵיינְס אַ נַייעֶר וֶועג צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אוֹיסְגֶעקְרוֹיזְט דֶעם גַאנְצְן פַּארְקֶער, בִּיז עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם גֶעהֶערִיגְן וֶועג וואוּ מֶען אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעשְׁטַאנֶען, דֶער בַּעַל-עֲגָלָה הָאט גֶעמֵיינְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דְרִימְלְט, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן מִיט עֶקְסְטַאז: רֶבִּי! אִיר זֶעהט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּהן? אִיךְ בִּין אַרָאפּ פוּנֶעם גְרָאדְן וֶועג אוּן גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַ אוּמְוֶועג, בִּיז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּרִיק צוּם אַלְטְן וֶועג.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר מוֹרָא'דִיג פַּארְפְלַאמְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אַזוֹי גֶעטוּהן, אִיךְ בִּין אַרָאפּ פוּנֶעם גֶעהֶערִיגְן וֶועג אָבֶּער אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם אַלְטְן וֶועג פוּן דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שצב). דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶער זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אִידִישׁ אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶעם שְׁפְּרַאךְ, מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע תְּמִימוּת אָן קֵיין חָכְמוֹת, נָאר אַזוֹי וִוי אַ אִידֶענֶע אָדֶער אַ קִינְד דַאוֶוענְט אוּן בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיטְן גַאנְצְן תְּמִימוּת אַזוֹי זָאל זִיךְ יֶעדֶער אִיד פִירְן (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג).

אִין דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּנֶעם רֶבִּי'נְס לֶעבְּן [שְׁנַת תקע"א], וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט גֶעוֶוען, אִיז דֶעמָאלְס דָארְט גֶעוֶוען זַיין אֵיינִיקְל יִשְׂרָאֵל, וָואס עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען דְרֵיי פִיר יָאר, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי גֶעבֶּעטְן: יִשְׂרָאֵל! בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט. זָאגְט עֶר: זֵיידֶע! גֶעבּ מִיר דַיין זֵייגֶערְל. דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי הָאט זִיךְ צוּלַאכְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: אִיר זֶעהט, עֶר אִיז שׁוֹין אַ גוּטֶער אִיד [אַ רֶבִּי], עֶר בֶּעט אַ פִּדְיוֹן פַאר דִי תְּפִלָּה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע אוֹיסְגֶעטוּן דֶעם זֵייגֶער אוּן עֶס אִים אַוֶועק גֶעגֶעבְן.

אַזוֹי וִוי עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען הֶערְט מֶען וִוי עֶר שְׁרַייט: גָאט! גָאט! לָאז דֶער זֵיידֶע זַיין גֶעזוּנְט. הָאבְּן אַלֶע חֲסִידִים דָארְט גֶעלַאכְט, זָאגְט זֵיי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: לַאכְט נִישְׁט, פּוּנְקְטְלִיךְ אַזוֹי דַארְף מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער קִינְד מֵיינְט נִישְׁט אוּן טְרַאכְט נִישְׁט קֵיין שׁוּם חָכְמוֹת נָאר עֶר בֶּעט פְּרָאסְט אוּן פָּשׁוּט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי דַארְף יֶעדֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן נָאר דָאס הֵייסְט תְּפִלָּה (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תלט); דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אִין אוּנְז אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַז מֶען דַארְף רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אַ קִינְד.

אָבֶּער כְּדֵי אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מוּז עֶר זִיךְ צוּהֶערְן צוּם צַדִיק, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ס), אַז וֶוער עֶס הֶערְט דֶעם קוֹל פוּנֶעם צַדִיק וֶועקְט זִיךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף, זַיין מֹחַ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף פוּן זַיין טִיפְן שְׁלָאף; אַז מֶען קוּמְט צוּם צַדִיק אוּן מֶען הֶערְט זַיינֶע וֶוערְטֶער, בּוֹיעֶט זִיךְ אוֹיף דִי אֱמוּנָה אִינֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה רֶעדְט מֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַז מֶען רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער וֶוערְט נָאךְ שְׁטֶערְקֶער דִי אֱמוּנָה, וַוייל וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַלְץ שְׁטֶערְקֶער וֶוערְט אִים דִי אֱמוּנָה, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה פַאלְט פוּן אִים אַוֶועק אַלֶע מִינֵי דִמְיוֹנוֹת אוּן נַארִישְׁקֵייטְן.

דֶערִיבֶּער הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט: וַוייל אִיךְ הָאבּ אַרַיין גֶענוּמֶען אִין מִיר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אִיז שׁוֹין מַיין קוּקְן גָאר אַנְדֶערְשׁ, מַיין הֶערְן גָאר אַנְדֶערְשׁ, אוּן מַיין רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן אוֹיךְ גָאר אַנְדֶערְשׁ.

<<<<<<

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### מְ'בֶּעט, מְ'שְׁרֵייט, אוּן מְ'רֶעגְט זִיךְ

דִי מִדָה פוּן וַתְּרָנוּת, צוּ מְוַותֵּר זַיין אוּן נָאכְגֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן, אִיז גָאר אַ גוּטֶע אוּן גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע זַאךְ. וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה זִיךְ אַיינְצוּקוֹיפְן דִי וִויכְטִיגֶע מִדָה, וֶועט עֶר זִיךְ אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ צָרוֹת אִין לֶעבְּן, סַיי וֶוען מְ'הָאט צוּטוּן מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, צִי וֶוען מְ'הָאט צוּטוּן מִיט שְׁכֵנִים אוּן מִשְׁפָּחָה, מִיט אִידְן אִין שׁוּל, אָדֶער מִיט סַיי וֶועמֶען, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מְ'הָאט צוּ טוּן מִיט זִיךְ אַלֵיין, דַארְף מֶען אַלֶעמָאל מְוַותֵּר זַיין. וֶוער עֶס אִיז מְוַותֵּר - דֶער גֶעוִוינְט.

בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער יְסוֹד דִי מִדַת הַוַתְּרָנוּת. דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶע'עֲקְשְׁנְ'ט אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ, וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז מְ'זָאל טוּן אַזוֹי אוּן אַזוֹי, הָאט דֶער רֶבִּי אַלְץ מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ וָואס יֶענֶער הָאט גֶעזָאגְט, צוּם סוֹף הָאט זִיךְ אָבֶּער אַלֶעמָאל אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם רֶבִּינְ'ס רָצוֹן.

עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז מְ'זָאל אִים בַּאדִינֶען פַאר אוּמְזִיסְט, אֲפִילוּ וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעוָואלְט בַּאדִינֶען דֶעם רֶבִּי'ן, הָאט אָבֶּער דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעדוּנְגֶען אַ שַׁמָשׁ וָואס זָאל אִים בַּאדִינֶען, אוּן הָאט יֶענֶעם גֶעצָאלְט אַ גֶעהַאלְט.

<<<<<<

## א גוט ווארט

אַמָאל הָאסְטוּ גֶעהַאט אַזַא גֶעפִיל אִין יֶעדֶע נְקוּדָה פוּן רֶבִּי'ן, כַּאפּ אַ דוּגְמָא 'מִקְוֶה'; אַמָאל בִּתְחִילַּת הִתְקָרְבוּתְךָ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען אַזוֹי פְרִישׁ, דוּ בִּיסְט גֶעלָאפְן אִין מִקְוֶה וִוי אַ יוּנְג בָּחוּר'ל. בֶּעט אִיךְ דִיר, הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי, גֵיי טוּבֵל זִיךְ אִין מִקְוֶה וֶועסְטוּ אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן דִיר דִי עַצְבוּת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִין, סִימָן כב): "עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵל הַצָּרוֹת", אַז מֶען טוֹבְלְ'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה אִיז מֶען מְבַטֵל אַלֶע צָרוֹת, "וִישׁוּעָה בָּאָה", אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַ יְשׁוּעָה. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן פא): "הַמִקְוֶה מַמְתִּיק הַדִין", אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה נֶעמְט מֶען אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים.

וֶוען דוּ גֵייסְט אִין מִקְוֶה זָאלְסְטוּ זִיךְ אַיינְבֵּייגְן אוּן זִיךְ מְבַטֵל זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דִי עִיקָר כַּוָונָה פוּן מִקְוֶה אִיז 'בִּיטוּלִ' - מֶען בֵּייגְט זִיךְ אַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶעס מָאל מֶען טוֹבְלְ'ט זִיךְ בֵּייגְט מֶען זִיךְ נָאכְאַמָאל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אַלֵיינְס, אַז דֶער מֶענְטְשׁ טוּט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיס, עֶר גֵייט אַרָאפּ אִין דִי מִקְוֶה אוּן דָארְט בֵּייגְט עֶר זִיךְ אַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשע"ט)

אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# "נַ נַח" קַאפִּל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אַדָר א', תשע"ט

לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּבֶער מְנַהֵל ... נֵרוֹ יָאִיר

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז אִיר זֶענְט זוֹכֶה צוּ מְחַנֵךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט; אִיר לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס שֵׁיינְקֵייט אוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן גֵיין בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַיִּרְאָה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט שְׁטֶענְדִיג מַצְלִיחַ זַיין אִין אַייעֶרֶע וֶועגְן.

אִיךְ וִויל אַייךְ שְׁרַייבְּן אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע עִנְיָן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בַּיי אַייךְ אִין מוֹסָד וָואס אִיז נִישְׁט קֵיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיךְ טְרַאכְט אַז מִן הַסְתָּם וֵוייסְט אִיר נִישְׁט אוּן אִיר הָאט נִישְׁט אַרַיין גֶעטְרַאכְט אִין וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן. דָאס אִיז דִי זַאךְ וָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט בַּיי אַייךְ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אַדָר, אַז מֶען הָאט גֶעהֵייסְן דִי קִינְדֶער בְּרֶענְגֶען קַאפְּלֶעךְ וָואס שְׁטֵייט אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגְן בְּרֶסְלֶבֶ'ער רֶבִּי'ס נָאמֶען אוֹיף אַ חוֹזֶק וֶועג: נַ' נַח'.

אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אוּן מֵיינֶען אַז דָאס אִיז א בְּרֶסְלֶבֶ'ער זַאךְ וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע פַארְשֶׁעמוּנְג פַאר אוּנְז אוּן פַאר אוּנְזֶער רֶבִּי; שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר מֶען זָאל וֶוען נֶעמֶען דֶעם נָאמֶען פוּן אַייעֶרֶע רֶבִּי'ס אוּן דָאס אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף קַאפְּלֶעךְ אוּן אוֹיף וֶוענְט וְכוּ', וָואלְט עֶס וֵויי גֶעטוּן פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַלֶע חֲסִידִים אוּן פַאר אַלֶע אִידְן, אַזוֹי אוֹיךְ טוּט וֵויי פַאר אוּנְז בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים אַז מֶען שְׁפֶּעט אָפּ פוּן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

לַיידֶער זֶענְט אִיר נִישְׁט דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וָואס טוּעֶן דָאס, אַסַאךְ חֲדָרִים אוּן מֵיידְל שׁוּלֶעס טוּעֶן דָאס אוּן מֶען טְרַאכְט נִישְׁט אַרַיין אִין דִי הַארְבְּקֵייט פוּן טְשֶׁעפֶּען אַ צַדִיק. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן פח): "הַצַּדִּיק יָכוֹל לַעֲנֹשׁ אֶת הָאָדָם בְּמִיתָה, אֲפִלּוּ עַל יְדֵי חֲלִישׁוּת דַּעְתּוֹ, אֲפִלּוּ בְּטָעוּת"; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, י): "וֶהֱוֵי זָהִיר בְּגַחַלְתָּן שֶׁלֹּא תִכָּוֶה, שֶׁנְּשִׁיכָתָן נְשִׁיכַת שׁוּעָל, וַעֲקִיצָתָן עֲקִיצַת עַקְרָב, וּלְחִישָׁתָן לְחִישַׁת שָׂרָף".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז בִּזְכוּת וָואס מִיר הַאלְטְן חָשׁוּב אַלֶע צַדִיקִים זָאלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אוֹיסְגֶעלֵייזְט צוּ וֶוערְן פוּן גָלוּת, אָמֵן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשע"ט)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

אֵיינְמָאל אִיז אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן הָאט גֶעזֶען אַז דִי גַאנְצֶע הוֹיז אִיז פוּל מִיט רוֹיךְ. עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט דַאן גֶעלִיטְן פוּן אַ לוּנְגֶען אַנְטְצִינְדוּנְג, וָואס רוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען פַאר דֶעם מַמָשׁ סַכָּנַת נְפָשׁוֹת. עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעזֶען אַז דָאס קוּמְט פוּן עֶפֶּעס וָואס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְט אוֹיפְ'ן אוֹיוְון, עֶר הָאט עֶס גְלַייךְ אַרָאפְּגֶענוּמֶען אוּן גֶעעֶפְנְט דִי טִירְן אוּן פֶענְסְטֶער אַז דִי הוֹיז זָאל זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן. דֶער שַׁמָשׁ אִיז גֶעזִיצְן אִין דִי זַייט אוּן גֶעדְרִימְלְט, אוּן דֶער אִיד הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אַכְטוּנְג, פַארְוָואס עֶר טוּט נִישְׁט זַיין אַרְבֶּעט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען צָאלְט אִים דָאךְ עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר וֵוייסְט דָאךְ אַז דֶער רֶבִּי לַיידְט אוֹיף דִי לוּנְגֶען, אוּן דָא זִיצְט עֶר אוּן עֶר דְרִימְלְט?!

דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַרַיין אִינֶעוֵוייניג צוּם רֶבִּי'ן, אוּן גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי לִיגְט אִין בֶּעט מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט אַזוֹי וִוי גָארְנִישְׁט וָואלְט פַּאסִירְט. הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעבֶּעטְן דֶעם שַׁמָשׁ עֶר זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן אוֹיסְלוּפְטֶערְן דִי שְׁטוּבּ. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל בֶּעט מֶען, דִי צְוֵוייטֶע מָאל שְׁרֵייט מֶען, אוּן דִי דְרִיטֶע מָאל רֶעגְט מֶען זִיךְ; אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְקוּמֶען צוּ דִי דְרִיטֶע, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע"...

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִימוּד פַאר אוּנְז, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט פוּן אַ צְוֵוייטְן, מֵיינְט עֶר אַז עֶר וֶועט יֶענֶעם גוּט אַרַיינְזָאגְן אוּן מִיט דֶעם וֶועט זִיךְ עֶס עֶנְדִיגְן. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז דָאס קֶען אַרַיינְצִיעֶן אִין אַ שְׁוֶוערֶע מַחְלוֹקֶת פוּן וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער וֶועט נָאר לַיידְן. אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ גֶעבְּט נָאךְ שׁוֹין גְלַייךְ בַּיים עֶרְשְׁטְן מָאל, אוּן מִיט דֶעם אִיז אַלֶעס גֶעעֶנְדִיגְט.

דִי מִדָה פוּן וַתְּרָנוּת קוּמְט צוּנִיץ אִין יֶעדְן הִינְזִיכְט אִין לֶעבְּן. אֲפִילוּ בַּיי זִיךְ אַלֵיין אִיז דָא אַמָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְלַאנְגְט פוּן זִיךְ מֶער פוּן וִויפִיל עֶר קֶען, אוּן נָאכְדֶעם וֶוען עֶר קֶען נִישְׁט אוֹיסְפִירְן אַלֶע זַיינֶע רְצוֹנוֹת, וֶוערְט עֶר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן, עֶר וֶוערְט גֶערֶעגְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין שׁוּם גוּטְס. דַארְף מֶען זַיין אַ וַתְּרָן אוֹיךְ אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי אֵייגֶענֶע שְׁוַואכְקֵייטְן, אוּן וִויסְן אַז נִישְׁט אַלֶעמָאל קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ טוּן אַלֶעס וָואס מֶען וִויל. פַארְקֶערְט, אַ אִיד דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, עֶר זָאל זִיךְ אַלֵיין אַרוֹיפְקוּקְן אַז עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אַבִּיסְל, אוּן אַרַיינְכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אוֹיךְ דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ צוּ זַיין אַ וַתְּרָן, וֶוען אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי, דֶער מַאן אָדֶער דִי וַוייבּ, ווִילְן נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן, נָאר זֵיי רוֹדְפְ'ן דֶעם צְוֵוייטְן בִּיזְ'ן סוֹף, דַאן וֶועט פַּאסִירְן אֵיינְס פוּן דִי צְוֵויי זַאכְן, אָדֶער וֶועט דֶער צְוֵוייטֶער וֶוערְן אַזוֹי צֶעדְרִיקְט אוּן צֶעקְלַאפְּט בִּיז עֶר וֶועט חַס וְשָׁלוֹם כַאפְּן אַ נֶערְוֶוען צוּזַאמְבְּרָאךְ, אָדֶער וֶועלְן דִי קְרִיגֶערֵייעֶן פִירְן צוּ אַ גֶט רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן אוֹיף בֵּיידֶע פֶעלֶער וֶועלְן בֵּיידֶע לַיידְן, אוּן דָאס מֶערְסְטֶע וֶועלְן לַיידְן דִי קִינְדֶער. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אָבֶּער שֵׂכֶל אוּן אִיז מְוַותֵּר, שְׁפָּארְט עֶר זִיךְ אַיין פִילֶע צָרוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִי קִינְדֶער, כָאטְשׁ וָואס מֶען דַארְף טַאקֶע מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי לֶערְנֶען דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דַארְף דָאס אָבֶּער צוּגֵיין אוֹיךְ מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן וַתְּרָנוּת, וַוייל אוֹיבּ גֵייט מֶען מִיט דִי קִינְדֶער מִיט אַ שְׁטַארְקֶע עֶקְסְטְרֶעם, קֶען מֶען חַס וְשָׁלוֹם פַארְלִירְן דִי קִינְדֶער.

וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שְׁכֵנִים זֶעט מֶען דָאס גָאר שְׁטַארְק, אַז נָאר מִיטְ'ן מְוַותֵּר זַיין קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין. מֶענְטְשְׁן צוּקְרִיגְן זִיךְ מִיט דִי שְׁכֵנִים פַאר קְלֵיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעלֵייגְט דֶעם מִיסְט זֶעקְל דָא אָדֶער דָארְט, וַוייל עֶר הָאט גֶעלֵייגְט זַאכְן אִינְדְרוֹיסְן נִישְׁט וואוּ עֶר וָואלְט עֶס גֶעדַארְפְט צוּ לֵייגְן, אָדֶער צוּלִיבּ אַנְדֶערֶע קְלֵיינֶע זַאכְן. אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז מִיט אַ שָׁכֵן דַארְף מֶען זַיין גוּט, מֶען וואוֹינְט דָאךְ אִין אֵיין הוֹיז מִיט יֶענֶעם, טִיר בַּיי טִיר, אוּן פוּן זַיין צֶעקְרִיגְט וֶועט נָאר אַרוֹיסְקוּמֶען שְׁלֶעכְטְס פַאר בֵּיידֶע. מִיט דֶעם וָואס מֶען מְוַותֵּר זַיין פַאר יֶענֶעם, וֶועלְן בֵּיידֶע נָאר פַארְדִינֶען.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן אִיז מְוַותֵּר פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, עֶר זוּכְט נָאר אַז יֶענֶעם זָאל זַיין גוּט אוּן וואוֹיל, דֶעמָאלְט וֶועט אִים אַלֵיין אוֹיךְ גֵיין גוּט, אוּן פַארְקֶערְט אֵיינֶער וָואס זוּכְט נָאר זַיין אֵייגֶענֶע טוֹבָה אוּן נִישְׁט יֶענֶעמְ'ס, דֶעם וֶועט פַאר אִים אַלֵיין אוֹיךְ נִישְׁט זַיין גוּט. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַרוֹיסְרַייסְן פוּן זִיךְ זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, עֶר זָאל נָאכְגֶעבְּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, זַיין גוּט מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם, וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"ב עֶרֶךְ וַתְּרָן)

<<<<<< א וָוארְט אוֹיף דִי פָּרָשָׁה

דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער סוֹד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן מִיט דֶעם וֶועט מָשִׁיחַ אַיינֶעמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ב): דִי גֶעוֶוער פוּן מָשִׁיחַ אִיז תְּפִלָּה - רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער כְּדֵי אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוּמֶען צוּם צַדִיק אוּן אָנֶעמֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער, דַארְף אוֹיף אִים עֶפֶּעס אִיבֶּערְגֵיין אִין לֶעבְּן, אַנְדֶערְשׁ הָאט עֶר נִישְׁט קֵיין שׁוּם גֶעפִיל צוּ דֶעם צַדִיק, דָאס גֶעפוּנֶען מִיר דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה, וְאַתָּה תְּצַוֶּה אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, וַיִקְחוּ אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ כָּתִית לַמָּאוֹר וְגוֹ'. זָאגְט רַשִׁ"י הַקָדוֹשׁ: מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט נֶעמֶען סַיי וָואסְפַארַא אוֹיל, נָאר דִי עֶרְשְׁטֶע טְרָאפּ אוֹיל וָואס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט דָאס גוּט צוּשְׁטוֹיסְן מִיט אַ שְׁטֵייסְל, וַוייל נָאר דִי אוֹיל הָאט שֵׁיין גֶעלָאכְטְן. דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז גוּט צוּקְנַאקְט אוּן צוּבְּרָאכְן שַׁיינְט עֶר גָאר אַנְדֶערְשׁ, עֶס הֵייבְּט בַּיים אִים אָן צוּ לַייכְטְן אוּן שַׁיינֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים מִיט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לִיכְטִיגְקֵייט, עֶס צִיהְט אִים יֶעדֶעס וָוארְט וָואס דָארְט שְׁטֵייט, עֶר קֶען דָאס נִישְׁט אַרָאפְּלֵייגְן בִּיז עֶר גֵייט דָאס דוּרְךְ פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיזְן סוֹף, עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ: גֶעוַואלְד! פוּן וואוּ וֵוייסְט דֶער וָואס הָאט גֶעמַאכְט דֶעם סֵפֶר'ל פוּנְקְטְלִיךְ וָואס אִיךְ גֵיי דוּרְךְ?! אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר אַיינֶערְקֶענְט וֶוער עֶר אִיז וֶועט עֶר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, אוּן פָאלְגְן וָואס דָארְט שְׁטֵייט בִּתְמִימוּת, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר הָאבְּן אַ חַיִים טוֹבִים, עֶר וֶועט אָפְּלֶעבְּן זַיינֶע יָארְן מִיט גָאר אַן אַנְדֶער גֶעשְׁמַאק, יֶעדֶע זַאךְ וֶועט עֶר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין מַמְתִּיק צוּ זַיין דִי דִינִים פוּן אוּנְז, אוּן מֶען זָאל שׁוֹין פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי גְזֵירוֹת פוּן דִי רְשָׁעִים, אִידִישֶׁע קִינְדֶער דַארְפְן הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים, אוּן מִיר זָאלְן אַלֶע שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת. (שִׁיעוּר לֵיל שִׁשִּׁי תְּצַוֶּה תשע"ד)

<<<<<< נייעס

געהאט ביי זיך דריי רענדלעך, מען האט אים געזאגט אז פאר יעדע רענדל קען ער ליינען איין מעשה פונעם מהרש"א, און ער האט געגעבן אלע רענדלעך פון זיין האנט, און האט געליינט דריי מעשיות, ער האט פארציילט די מעשיות פאר זיין טאכטער ווען זי איז געווען זייער קראנק, און זיין זיידע דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע איז געקומען צום רבין אין חלום און אים געזאגט ער זאל זיך נישט זארגן, און ער זאל פארציילן מעשיות פון צדיקים וואס איז מסוגל צו ישועות, און דעמאלטס האט דער רבי פארציילט די דריי מעשיות, און זי איז געזונט געווארן.

אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט איבער די גזירת החינוך וואס איז דא אין ניו יארק, און האט געזאגט אז עס גייט אים נישט אן וואס זאל זיין, מען וועט גארנישט טוישן פון די מסורה אין די חינוך פון די קינדער, און אפילו די רעגירונג וועט מער גארנישט געבן, ב"ה לא אלמן ישראל, אידישע קינדער ווערן זיך אנרופן ווארעם און מען וועט קענען אנגיין, עס איז נישט וואס מורא צו האבן, מיר דארפן נאר מתפלל זיין, און דער אויבערשטער וועט העלפן די גזירה וועט בטל ווערן.

ביי מלוה מלכה האט דער ראש ישיבה פארציילט אסאך סיפורי צדיקים, און בעיקר איבער **מוהרא"ש זי"ע**, צווישן אנדערע האט ער פארציילט אז איין טאג האט אים מוהרא"ש געזאגט אז ער האט אמאל געהערט פון זיין טאטע אז עס איז דא א מין מחלה וואס הייסט אפילעפסיע, און מען דארף נישט מורא האבן דערפון אפילו אויב עס זעט אויס זייער שרעקעדיג, מעןווארט אויס ביז ער ענדיגט זיך צו ווארפן, און דערנאך הייבט ער זיך אויף און אלעס איז מסודר. עטליכע טעג נאכדעם וואס ער האט געהערט די מעשה, איז מוהרא"ש געווען אין עירפארט, און איינער איז דארט אראפ געפאלן, און אלע האבן געשריגן און געפאניקט, און מוהרא"ש האט געזאגט "איך בין נישט געווארן דערשראקן". דער ראש ישיבה האט געזאגט אז צוויי טעג נאכדעם וואס מוהרא"ש האט אים פארציילט די מעשה איז א בחור אין ישיבה אראפגעפאלן, און די עלטערן האבן ניטאמאל געוויסט אז זייער בחור האט עפילעפסיע, און דעמאלטס האט ער פארשטאנען פארוואס מוהרא"ש האט אים פארציילט די מעשה.

במשך דעם שבת האט דער ראש ישיבה אסאך ארום גערעדט איבער וויכטיגע זאכן אין חינוך און שלום בית, און בעיקר איבער תפילה, התבודדות און רעדן צום אויבערשטן, און איבער די חשיבות פונעם דרך הלימוד.

דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קענען מקיים זיין למעשה אלע שיינע זאכן און זיסע עצות פון הייליגן רבין.



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט דֶען אוֹיס תְּפִילוֹת פוּן אַ בַּעַל עֲבֵירָה?

***שְׁאֵלָה:***

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע פְּעוּלוֹת וָואס אִיר טוּט פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל מִיט אַזַא מְסִירַת נֶפֶשׁ. סְפֶּעצִיעֶל בִּין אִיךְ אַייךְ שׁוּלְדִיג אַן הַכָּרַת הַטּוֹב אַז דוּרְךְ אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק הָאבּ אִיךְ ווידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיךְ טְרֶעף זִיךְ ווידֶער מִיט מַיינֶע אַלְטֶע חֲבֵרִים, אַבַּיֵי אוּן רָבָא, וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט אָנְגֶעקוּקְט פַאר לַאנְגֶע יָארְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיר רֶעדְט אַסַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְט. אִיז דֶען דָאס נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס בַּאלַאנְגְט נָאר פַאר צַדִּיקִים אוּן יִרְאֵי ה'? אַזוֹי הָאבְּן מִיר דָאךְ גֶעזֶען אִין אַלֶע דוֹרוֹת אַז וֶוען אַ אִיד הָאט גֶעדַארְפְט אַ יְשׁוּעָה הָאט עֶר נִישְׁט אַלֵיין גֶעבֶּעטְן אוֹיף דֶעם, נָאר עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ צַדִּיק אַז עֶר זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אִים.

מִיר זֶענֶען דָאךְ אַלֶע אִין נִדּוּי, מִיר הָאבְּן דָאךְ גֶעטוּן אַזוֹיפִיל עֲבֵירוֹת וָואס דֶערְוַוייטֶערְט אוּנְז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סְפֶּעצִיעֶל דִי עֲבֵירוֹת פוּן לָשׁוֹן הָרָע אוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלַן, וָואס חַזַ"ל זָאגְן אַז וֶוען מֶען טוּט דִי עֲבֵירוֹת הֶערְט מֶען נִישְׁט אוֹיס דִי תְּפִלּוֹת פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן בִּכְלַל וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין חַזַ"ל אַז פוּן וֶוען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן זֶענֶען אַלֶע טוֹיעֶרְן פוּן תְּפִילָה גֶעוָוארְן פַארְשְׁפַּארְט, מִיר זֶעעֶן דָאךְ בְּחוּשׁ אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט פּוֹעֶל'ן מִיט אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע, אַזוֹי וִוי דִי גְרוֹיסֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעקֶענְט.

אִיךְ וֶועל אַייךְ שְׁטַארְק מַכִּיר טוֹבָה זַיין אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר דָאס אוֹיסְקְלָארְן, אוּן נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק.

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ** יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ג' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּה וּמְחַזֵּק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, בִּפְרַט אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעפַאנְגֶען לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס דֶער רֶבִּי קֶען אוּנְז צוּבְּרֶענְגֶען; דֶער רֶבִּי נֶעמְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס זִינְקְט אִין בְּלָאטֶע, עֶר טוּט נֶעבֶּעךְ וָואס עֶר טוּט אוּן וַואשְׁט אִים אָפּ אוּן טוּט אִים אָן מִיט שֵׁיינֶע פְרִישֶׁע קְלֵיידֶער וְכוּ' אַז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיין פַארְגֶעסְט שׁוֹין וִוי אַזוֹי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעזֶען פַאר עֶר הָאט אָנְגֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ זֶע אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ טוֹעֶה אִין דֶעם עִנְיָן פוּן תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת, כְּאִילוּ דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ נֵייעֶ זַאךְ וְכוּ'. אִיךְ וֶועל דִיר מַעְתִּיק זַיין דֶעם לָשׁוֹן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רַמְבַּ"ם וָואס עֶר זָאגְט אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן תְּפִלָּה (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּפִלָּה, הֲלָכָה א-ב): "עִיקַּר הַתְּפִלָּה הוּא מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה, שֶׁיִּתְפַּלֵּל הָאָדָם וִיבַקֵּשׁ מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ כָּל מַה שֶּׁהוּא צָרִיךְ", תְּפִילָה אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה, דִי מִצְוָה אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף, "וְהוּא יָכוֹל לְדַבֵּר אֶל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּכָל שָׂפָה שֶׁרַק יָכוֹל, כִּי מִצְוַת עֲשֵׂה לְהִתְפַּלֵּל בְּכָל יוֹם", אוּן מֶען קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף סַיי וָואס פַאר אַ שְׁפְּרַאךְ מֶען רֶעדְט אוּן עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג. "וְאֵין לַתְּפִלָּה זְמַן קָבוּעַ מִן הַתּוֹרָה, וּלְפִיכָךְ נָשִׁים וַעֲבָדִים חַיָּבִין בִּתְפִלָּה לְפִי שֶׁהִיא מִצְוַת עֲשֵׂה שֶׁלֹּא הַזְּמַן גְּרָמָא", תְּפִילָה הָאט נִישְׁט אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט אִין טָאג, מִמֵּילָא אִיז דָאס אַ מִצְוָה וָואס אִיז נִישְׁט בַּאגְרֶענִיצְט צוּ אַ צַייט, דֶערְפַאר זֶענֶען פְרוֹיעֶן אוּן קְנֶעכְט אוֹיךְ מְחוּיָּב מִיט תְּפִילָה. "אֶלָּא חִיּוּב מִצְוָה זוֹ כָּךְ הוּא - שֶׁיְּהֵא אָדָם מִתְחַנֵּן וּמִתְפַּלֵּל בְּכָל יוֹם וּמַגִּיד שִׁבְחוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאַחַר כַּךְ שׁוֹאֵל צְרָכָיו שֶׁהוּא צָרִיךְ לָהֶם בְּבַקָּשָׁה וּבִתְחִנָּה, וְאַחַר כַּךְ נוֹתֵן שֶׁבַח וְהוֹדָיָה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל הַטּוֹבָה שֶׁהִשְׁפִּיעַ לוֹ כָּל אֶחָד לְפִי כֹּחוֹ", דִי מִצְוָה פוּן תְּפִילָה אִיז: וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי זָאל עֶר דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קוֹדֶם זָאל עֶר דֶערְצֵיילְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְדֶעם זָאל עֶר בֶּעטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אִים. "אַךְ אַחַר כַּךְ רָאוּ אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה שֶׁהָלְכוּ בַּגּוֹלָה בִּימֵי נְבוּכַדְנֶצַּר הָרָשָׁע, וְנִתְעָרְבוּ בְּפָרַס, וּבְיָוָן, וּבִשְׁאָר הָאוּמוֹת וְכוּ', וְעָמְדוּ וְתִקְּנוּ סֵדֶר הַתְּפִלָּה", אָבֶּער וֶוען דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם בִּיטֶערְן לַאנְגְן גָלוּת וִוי דִי אִידְן וֶועלְן זִיךְ אוֹיסְמִישְׁן צְווִישְׁן דִי פֶעלְקֶער, הָאבְּן זֵיי מְתַקֵּן גֶעוֶוען דֶעם נוּסַח הַתְּפִילָה, עַיֵּין שָׁם.

יֶעצְט קוּמְט דֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רכט) אַז אֲפִילוּ הַיינְט וֶוען דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְּדוֹלָה הָאבְּן מְתַקֵּן גֶעוֶוען צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג דֶעם סֵדֶר פוּן שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, זָאל אַ מֶענְטְשׁ וַוייטֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים מְקָרֵב זַיין צוּ אִים בֶּאֱמֶת, וַוייל דָאס אִיז דֶער עִיקָּר פוּן תְּפִילָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, נָאר וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, וואוּ עֶר גֵייט - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יַלְקוּט דְּבָרִים, רֶמֶז תתכה): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְּבָרִים ד, ז): "כִּי מִי גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו כַּה' אֱלֹקֵינוּ בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ שִׁיף וָואס דֶערוֹיף זֶענֶען גֶעפָארְן גוֹיִם, נָאר אֵיין אִיד הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אוֹיף דֶעם שִׁיף; אִינְמִיטְן וֶועג אִיז דֶער שִׁיף פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁעט גֶעוָוארְן אוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ פְרֶעמְדֶע לַאנְד,

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

נָאכְן אַנְקֶערְן זֶענֶען דִי גוֹיִם צוּגֶעקוּמֶען צוּם אִיד אוּן אִים גֶעבֶּעטְן: "מִיר בֶּעטְן אַייךְ, נֶעמְט פוּן אוּנְז גֶעלְט אוּן קוֹיפְט פַאר אוּנְז עֶסְן, וַוייל מִיר הוּנְגֶערְן שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט", הָאט דֶער אִיד גֶעקוּקְט אוֹיף זֵיי מִיט וואוּנְדֶער אוּן גֶעפְרֶעגְט: "בִּין אִיךְ דֶען נִישְׁט אַ גַאסְט דָא אַזוֹי וִוי אַייךְ? אִיךְ וֵויס נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין, אִיךְ בִּין אַ פְרֶעמְדֶער דָא פּוּנְקְט וִוי אַייךְ..." הָאבְּן אִים דִי גוֹיִם גֶעזָאגְט: "יֵשׁ יְהוּדִי אַכְסְנַאי? בְּכָל מָקוֹם שֶׁאַתָּה הוֹלֵךְ אֱלֹקֶיךָ עִמְּךָ", וָואס הֵייסְט אַ אִיד אִיז פְרֶעמְד? וואוּ אַ אִיד גֵייט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים; אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: "אֲשֶׁר לוֹ אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו".

זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן אַז אַ אִיד אִיז פְרֶעמְד, וַוייל וואוּ אַ אִיד גֶעפוּנְט זִיךְ אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים אוּן אוֹיף וָואס פַאר אַ שְׁפְּרַאךְ מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - עֶנְטְפֶערְט עֶר, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם): "בְּכָל קָרְאֵנוּ אֵלָיו - בְּכָל לָשׁוֹן שֶׁיִּשְׂרָאֵל קוֹרְאִין לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹנֶה אוֹתָם", אוֹיף יֶעדֶע שְׁפְּרַאךְ וָואס מִיר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶנְטְפֶערְט עֶר אוּנְז.

אַוַדַאי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה דַארְף מֶען גֵיין צוּ צַדִיקִים אוּן צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן נֶעמֶען פוּן זֵיי אַ בְּרָכָה אוּן זֵיי בֶּעטְן זֵיי זָאלְן מִתְפַּלֵל זַיין, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא קטז.): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ חוֹלֶה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ, יֵלֵךְ אֵצֶל חָכָם וִיבַקֵּשׁ עָלָיו רַחֲמִים", וֶוער עֶס הָאט אַ קְרַאנְקְן אִין שְׁטוּבּ זָאל גֵיין צוּ אַ צַדִיק עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אִים; אָבֶּער דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען אַלֵיינְס. אַדְרַבָּה, וֶוען דֶער חוֹלֶה אַלֵיין בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה נג, יד): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כא, יז): "וַיִּשְׁמַע אֱלֹקִים אֶת קוֹל הַנַּעַר - מִכָּאן שֶׁתְּפִלַּת הַחוֹלֶה יָפָה מִן הַכֹּל", דִי תְּפִילָה פוּן אַ חוֹלֶה אִיז מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן אַנְדֶערֶע תְּפִילוֹת; נָאר מֶען גֵייט צוּ צַדִיקִים וַוייל זֵיי זֶענֶען מְחַזֵק דֶעם מֶענְטְשׁ אַז מֶען זָאל אַלֵיינְס גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן פוּן אִים דִי יְשׁוּעָה וָואס מֶען דַארְף.

קוּק וָואס דִי הֵיילִיגֶע חַזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא וַיֵּרָא, א): "אָמַר לָהֶן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְיִשְׂרָאֵל, הֱווּ זְהִירִין בִּתְפִלָּה שֶׁאֵין מִדָּה אַחֶרֶת יָפָה הֵימֶנָּה, וְהִיא גְּדוֹלָה מִכָּל הַקָּרְבָּנוֹת", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן תְּפִילָה, תְּפִילָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע קָרְבָּנוֹת; קוּק וַוייטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן: "וַאֲפִלּוּ אֵין אָדָם כְּדַאי לַעֲנוֹת בִּתְפִלָּתוֹ וְלַעֲשׂוֹת חֶסֶד עִמּוֹ, כֵּיוָן שֶׁמִּתְפַּלֵּל וּמַרְבֶּה בְּתַחֲנוּנִים אֲנִי עוֹשֶׂה חֶסֶד עִמּוֹ", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט רָאוּי אִיךְ זָאל אִים עֶנְטְפֶערְן וֶוען עֶר בֶּעט מִיר - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - אוֹיבּ וֶועט עֶר אַסַאךְ בֶּעטְן פוּן מִיר וֶועל אִיךְ טוּן מִיט אִים אַ חֶסֶד אוּן אִים הֶעלְפְן; זֶעט מֶען אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער, וָואס, אוּן וואוּ - וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט: "מִיר זֶעעֶן דָאךְ בְּחוּשׁ אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט פּוֹעֵל'ן וְכוּ'"; זַיי מִיר מוֹחֵל, אָבֶּער אִיךְ וֵויס נִישְׁט וִוי אַזוֹי אַ אִיד קֶען שְׁרַייבְּן אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער, אַדְרַבָּה, מִיר זֶעעֶן בְּחוּשׁ וִוי אוּנְזֶערֶע פָּשׁוּט'ע תְּפִילוֹת וֶוערְן גֶעעֶנְטְפֶערְט. בַּיי יֶעדֶע טְרִיט אוּן שְׁרִיט הָאבְּן מִיר מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִילָה, מִיר זֶעעֶן אָפְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט וֶוען מֶען בֶּעט אִים. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם וָואס חַזַ"ל זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, א): "תְּפִילָה עוֹשָׂה מֶחְצָה", אִין אִידִישׁ זָאגְט מֶען מֶחְצָה - הֶעלְפְט, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "תְּפִילָה הֶעלְפְט".

אַז דוּ הָאסְט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוּן נִישְׁט בַּאקוּמֶען וְכוּ', מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז תְּפִילָה הֶעלְפְט נִישְׁט, חַס וְשָׁלוֹם אַזוֹי צוּ זָאגְן; תְּפִילָה אִיז פוּן דִי י"ג עִקָּרִים וָואס מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ לוֹ לְבַדּוֹ רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל וְאֵין רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל לְזוּלָתוֹ", אַז דוּ הָאסְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט בַּאקוּמֶען, זָאלְסְטוּ טוּן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): אָמַר רֶבִּי חָמָא בְּרַבִּי חֲנִינָא: "אִם רָאָה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נַעֲנָה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל", אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ אוּן עֶר זֶעט אַז עֶר הָאט עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען, זָאל עֶר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'".

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן**
**זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ג)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# שבת התוועדות פאר די שטיצער פון די מוסדות מיטן ראש ישיבה שליט"א

שבת קודש פרשת משפטים איז דער ראש ישיבה געפארן צו פארברענגען אינאיינעם מיט א קליינע ציבור תומכי המוסדות, וואס האבן מנדב געווען גרויסע סכומים גדולים אז די מוסדות זאלן קענען אנגיין, ווי דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט אין א בריוו אין עצתו אמונה פרשת תרומה: **"די וואך שבת וועל איך נישט זיין אין וויליאמסבורג, איך פאר אוועק שאפן געלט פאר די מלמדים, איך האף דו ביסט מכיר טובה אז איך העלף דיר, איך פאר אוועק פון שטוב אנשטאט דיר; עס וואלט ווען געדארפט זיין אז דו זאלסט זיין דער וואס איז פארנומען זוכן א וועג פאר דיינע קינדער זיי זאלן האבן א מלמד מיט א לערערין וכו', למעשה פארע איך זיך פאר דיר; מיט אלע כוחות שאף איך געלט פאר דיינע קינדער, זאלן האבן מלמדים און לערערינס".**

פרייטאג צו נאכטס פארן דאווענען האט דער ראש ישיבה פארגעלערענט **תיקוני זוהר**, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער צוויי ספרים האט ער די מערסטע ליב צו לערנען, **ליקוטי מוהר"ן** און **תיקוני זוהר**, און כאטש אז פון אנפאנג זענען די צוויי ספרים אים געווען די שווערסטע, ער האט ממש געשפירט ווי ער עסט שטרוי, אבער מיט די צייט האט ער אנגעהויבן שפירן דערין די זיסע טעם, נאך מער פון סיי וועלכע אנדערע לימוד.

דער ראש הישיבה האט איבערגעלאזט זיינע קליינע קינדער אינדערהיים אין וויליאמסבורג, און פרייטאג צו נאכטס פארן דאווענען האט ער געזאגט אז ער גייט פרובירן צו דאווענען ווי עס דארף צו זיין, ווייל שוין א לאנגע צייט וואס ער קען נישט געהעריג דאווענען, ווייל ער דארף קעיר נעמען פון זיינע קליינע קינדער, זען אז אויך זיי זאלן דאווענען. דער ראש ישיבה איז צוגעגאנגען צו מנחה און קבלת שבת וואס איז דורכגעגאנגען מיט גרויס התעוררות.

ביי די סעודה האט דער ראש הישיבה געזאגט צווישן אנדערע די שעדליכקייט פון אנזאמלען חובות און הלוואות, א זאך וואס איז זייער איינגעגעסן ביי מענטשן און מען כאפט אפילו נישט, און נאכדעם נעמט עס אוועק פונעם מענטש זיין גאנצע ישוב הדעת און מנוחה, דער מענטש האט נאכדעם נישט קיין מח צו דאווענען און לערנען ווי מען דארף. די וואך זעט מען דאס אין די פרשה, די תורה זאגט אז א מענטש וואס האט חובות, זאל ער גיין און זיך פארקויפן פאר א קנעכט, כדי ער זאל קענען באצלאן זיינע חובות, און אפילו ער וועט דארפן חתונה האבן מיט א שפחה כנענית און ער וועט האבן קינדער כנענישע קנעכט, דארף ער דאס טון פטור צו ווערן פון זיינע חובות.

דער ראש ישיבה האט פארציילט באריכות די דריי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט פארציילט פונעם מהרש"א, ווען דער רבי איז געווען אין אוסטראהא און האט

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **שלום יוסף יאקאבאוויטש** הי"ו קרית ברסלב
**צום שידוך שליסן פון זיין טאכטער למזל טוב עב"ג**
החתן **לוי יצחק הורוביץ** הי"ו בארא פארק

***

מו"ה **נתן גרינפלד** הי"ו בית שמש
**צו די בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**

***

מו"ה **נחמן נתן בוים** הי"ו קרית ברסלב
מסור בלב ובנפש למען הדפסת ספרי רבינו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **דוד ראבינאוויטש** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **יואל מאשקאוויטש** הי"ו טאהש
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **יואל גולדנבערג** הי"ו בית שמש
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

## מיין טאטע שרייט...

**מעג איך ענטפערן?! איך וועל אויך שרייען אויף מיינע קינדער**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**2,1,10,1,81**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

< BreslevCenter.com >